# בראָנטשעלע

ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט ביינאַכט?
יאַנקעלע וואָליאַנטשיק?
- עפֿען, עפֿען, בראָנטשעלע,
איך בין דיין קאָכאַנטשיק!
} ביס

ווי קאָן איך דיר דען עפֿענען,
כ´האָב מורא פֿאַר מיין מאַמען.
- עפֿען, עפֿען, בראָנטשעלע,
כ´וועל זיך גאָר נישט זאַמען!
} ביס

ווי קאָן איך דיר דען עפֿענען,
כ´האָב מורא פֿאַר דעם טאַטען.
- עפֿען, עפֿען, בראָנטשעלע,
ס´וועט דיר גאָר נישט שאַטען.
} ביס

ווי קאָן איך דיר דען עפֿענען,
כ´האָב מורא פֿאַר מיין שוועסטער.
- עפֿען, עפֿען, בראָנטשעלע,
ס´וועט זיין פֿאַר דיר בעסער!
} ביס

ווי קאָן איך דיר דען עפֿענען,
כ´האָב מורא פֿאַר מיין ברודער.
- עפֿען, עפֿען, בראָנטשעלע,
מאַך נישט קיין גערודער.
} ביס

ווי קאָן איך דיר דען עפֿענען,
כ´האָב מורא פֿאַר מיין פֿעטער!
- עפֿען, עפֿען, בראָנטשעלע,
כ´וועל ניט קומען שפּעטער.
} ביס

ווי קאָן איך דיר דען עפֿענען,
כ´האָב מורא פֿאַר מיין מומען.
- עפֿען, עפֿען, בראָנטשעלע,
אַניט וועל איך מער נישט קומען ...
} ביס